בס"ד

דער בלעטל
# טיב הקהילה
אויף אידיש

יו"ל ע"י קהילת שבתי בבית ד'
בנשיאות מורנו ורבנו הרה"צ
רבי גמליאל הכהן רבינוביץ שליט"א

חג הסוכות
י' תשרי תשפ"ו

גליון מס': קנ"ה
שנה ד'

די צייטן לויט אופק ירושלים

זמני הדלקת הנרות ומוצ"ש

| | |
|---|---|
| הדה"נ | 5:43 |
| מוצש"ק | 6:54 |
| ר"ת | 7:33 |

סוף זמן קריאת שמע ותפילה

| | | | |
|---|---|---|---|
| סוזק"ש א' | 8:47 | סוז"ת א' | 10:00 |
| סוזק"ש ב' | 9:27 | סוז"ת ב' | 10:30 |

די צייטן לויט די זומער זייגער

## טיב הפרשה

# דער גרויסער כח פון אחדות

## ויהי בישורון מלך

אין די פרשה פון וזאת הברכה וואו מען רעדט ארום פון די ברכות וואס משה רבינו בענטשט דעם כלל ישראל, זאגט אונז דער פסוק 'ויהי בישורון מלך בהתאסף ראשי עם'.

רש"י אויפ'ן ארט טייטשט אויס די פסוק אז עס גייט ארויף אויף אחדות. ווען כלל ישראל האלט זיך באחדות און מען לעבט בשלום, איז דא די בחינה פון 'מלך' אז הקב"ה איז מולך אויף אונז, ער איז קעניג פון די וועלט, אבער ווען עס איז דא מחלוקת פעלט די בחינה פון 'מלך'.

דער פשט ליגט אין די ווערטער אז ווען עס איז דא דער 'בישורון' איז דא דער 'מלך'.

אז מען טראכט אריין אין די ווערטער באפאלט א איד א פחד. מען הייבט אָן צו זען און פארשטיין עד היכן הדברים מגיעים, ווי ווייט און ווי גרויס איז דער כח פון 'אחדות' און ווי ביטער און שווער איז דער כח פון מחלוקת, אז הקב"ה נעמט אוועק דורכדעם די בחינה פון 'מלוכה' ביי די אידן.

מיר ווייסן אז די שפע ביי כלל ישראל גייט געקניפט און געבינדן אין די מלוכה. אויב הקב"ה רוט צווישן אידן, אויב עס איז דא ביים כלל ישראל די השראת השכינה - דאן איז די מלוכה בשלימות און עס איז דא שפע.

אויב עס פעלט חלילה די חלק - פעלט די שפע.

דאס קומט אונז צו לערנען ווי ביטער און שווער איז דער ענין פון מחלוקת און ווי שטארק מען דארף אוועקשטיין פון איר און זיך דערווייטערן פון איר, ווי ווייט עס איז מעגליך.

איך האב זיך מתבונן געווען פארוואס טאקע איז דער נושא פון אחדות אזא קריטישע נושא אז מ'דארף זיך דערווייטערן פון איר, און אויב עס איז דא א פירוד לבבות גייט די שכינה חלילה וחלילה אוועק פון אונז.

אז מען גייט אריין בעומק הענין זעט מען אז די נקודה ליגט אין דעם, ווייל ווען א איד איז באחדות איז עס א ציימן אז כלל ישראל וויל די מלוכה פון הקב"ה. דאגעגן ווען עס איז דא ביי אידן א פירוד איז עס חלילה ווי כלל ישראל וויל נישט די מלוכה פון הקב"ה, אז ער איז נישט צופרידן מיט דעם און מיט יענעם, ער האט א פירוד לבבות מיט אנדערע, און דאס איז גורם א מרידה במלכות שמים און דאס איז גורם אז די שפע מלמעלה זאל זיך אפשטעלן.

דאגעגן מידה טובה מרובה, ווען א איד לעבט בשלום מיט אנדערע אידן, ווייזט עס אז דער איד איז צופרידן מיט די הנהגה פון הקב"ה און פון זיין פאלק, און דאס איז גורם השראת השכינה.

אז מען האט ארויס די נקודה קען מען פארשטיין פארוואס דער יצר הרע פארלייגט אזויפיל כח און מח אז צווישן כלל ישראל זאל זיין א פירוד לבבות. דער מהות פון דער יצר הרע און זיין וועזן איז דאך צו טון שלעכטס פאר אידן און וויסנדיג אז די שפע פון כלל ישראל ווענדט זיך אין שלום, דעריבער זוכט ער אנצודרייען ווי מער מחלוקת ביי כלל ישראל, אז די שפע זאל זיך אפשטעלן, אז כלל ישראל זאל חלילה מורד זיין במלכות שמו יתברך.

אז מ'ווייסט דאס ווייסט מען אויך וויפיל הארוואניע מען דארף ארייגלייגן אז עס זאל זיין שלום אויף די וועלט, און אז אין שלום ליגט די נקודה.

א איד דארף זיין אין די בחינה פון 'בקש שלום ורדפהו' - ער דארף נאכלויפן די שלום מיט אלע זיינע כוחות - ווייל נאר אזוי וועט ער משיג זיין און דאן וועט הקב"ה קענען משרה זיין שכינתו בתוכינו.

זאל הקב"ה געבן אז מען זאל זוכה זיין מרבה צו זיין שלום בעולם און אז די שכינה זאל קענען רוען צווישן אונז אייביג און עס זאל זיין שפע פאר יעדן איד.

## טיב המערכת

### דער תכלית פונעם יאר

חג הסוכות איז א פרייליכער יו"ט לכל הדיעות, סיי לויטן מיינונג פון די ערוואקסענע און סיי לויטן מיינונג פון די קינדער. טראץ אלע אנשטרענגונגען און קאסטן וואס דער יו"ט טראגט מיט זיך, איז עס נאך אלץ א פרייליכער יום טוב, און ווי עס זעט אויס איז נישטא נאך אזא יו"ט וואס ענטהאלט אזויפיל שמחה ווי דער יו"ט סוכות. אפילו פורים ענדיגט זיך ביז א טאג אדער צוויי, אבער סוכות – איז א גאנצער וואך פון שמחה אן אויפהער. אייגנטליך דארף מען דאך פארשטיין וואס איז די שמחה אזוי גרויס אום סוכות אנדערש ווי ביי אלע אנדערע ימים טובים, אינדערצייט וואס אום פסח זענען אונזערע עלטערן אויסגעלייזט געווארן פון מצרים און אום שבועות האבן מיר מקבל געווען די תורה, און טראצדעם איז נאך אלץ סוכות די פרייליכסטע יום טוב. וואס איז אט די געוואלדיגע שמחה וואס איז יעצט דא, אז מיר מאכן א זכר צו די 'שמחת בית השואבה', און וואס איז אט דער 'זכר', אינדערצייט וואס מיר האבן נישט די וואסער און נישט נסכים, נישט קיין מזבח און נישט קיין בית המקדש. ביי 'כורך' פונעם סדר נאכט, ווען מיר זאגן 'זכר למקדש כהלל', האבן מיר כאטש מצה און מרור, אבער דא? גארנישט! אויב אזוי, לְשִׂמְחָה מַה זֹּו עֹשָׂה!

דער ענטפער איז, אז וויבאלד דער יום טוב סוכות איז א הכנה אויף די גרויסע גאולה וואס גייט שוין קומען במהרה בימינו אמן, און דורך די שמחה און טענץ וואס מיר טוען, גרייטן מיר זיך אן און מיר טוען זיך איינגעוואוינען צו קענען פראוון די טענץ פון 'שמחת בית השואבה' ווען דער בית המקדש וועט שוין אויפגעבויט ווערן, און דאס איז די אנהייב פון די גאולה, און דעריבער זאגט די גמרא אז לעתיד לבוא וועלן די אומות העולם קומען און זיי וועלן בעטן אז זיי ווילן מקיים זיין די מצוות, וועט זיי דער אויבערשטער געבן די מצוה פון סוכה, און דער אויבערשטער וועט מאכן אז דער זון זאל באקן אויף זיי אזוי ווי אינדערצייט פון תקופת תמוז, און יעדער גוי וועט שטויסן זיין סוכה און ארויסגיין – וויבאלד די גוים האבן נישט קיין שייכות צו די גאולה, אבער די אידן זענען מקיים די מצוה אין יעדן צושטאנד, אויך ווען דער זון באקט, ווייל אין דעם ווענדט זיך אונזער אויסלייזונג, און דאס איז אויך די סיבה פארוואס דער יום טוב סוכות ווערט אנגערופן 'זמן שמחתנו', וויבאלד מיר גלייבן אז פון יעצט הייבט זיך אן די גאולה וואס איז אנגעגרייט צו קומען אויף אונז בקרוב.

(עפ"י טיב המועדים – סוכות)

מען קען הערן שמועס'ן און דרשות
פון מורנו ורבנו שליט"א - אין א עקסטערע נומער
אידיש: 073-2951321 לשה"ק: 073-2951320

טיב ההודעות

טיב המועדים

# די כוונה פון די הייליגע נענועים מיט די ד' מינים

אין דער הייליגער יום טוב סוכות איז כלל ישראל זוכה מקיים צו זיין אסאך הייליגע מצוות.
צווישן זיי איז דא דער הייליגע מצוה פון ארבע מינים וועלכע הקב"ה האט באפוילן אויף אונז אז אין דעם ערשטן טאג פון סוכות זאל יעדער איד נעמען אן אתרוג און א לולב און שאקלען דערמיט.
לכבודו פון אזא הייליגע מצוה וועלן מיר דא אראפברענגען עטליכע שיינע געדאנקען איבער די מצוה.
לאמיר אנהייבן מיט די ווערטער פון מדרש (ויקרא רבה ל, ט): 'פרי עץ הדר' - זה הקב"ה, שכתוב בו (תהלים קה, א): הוד והדר לבשת. כפות תמרים - זה הקב"ה, שכתוב בו (תהלים צב יג): צדיק כתמר יפרח. וענף עץ עבות - זה הקב"ה, דכתיב (זכריה א, ח) והוא עומד בין ההדסים. וערבי נחל - זה הקב"ה, דכתיב ביה (תהלים סח, ה): סולו לרוכב בערבות ביה שמו.
אז מען איז זיך מתבונן אין די ווערטער פון דער הייליגער מדרש, זעט מען דא א געוואלדיגע זאך. דער מדרש איז מגלה אז די ד' מינים איז דער רבוש"ע אליינס, און אז יעדער איינער פון זיי איז מגלה הקב"ה.
די זעלבע בחינה איז אויך דא אין די כתבי אר"י. אין שער הכוונות אויף סוכות [דרוש ה'] ברענגט ער אז די ד' מינים זענען מרמז אויף די פיר אותיות פון דער שם הוי"ה, די י' ווייזט אויף די הדסים, די ערשטע ה' אויף די צוויי ערבות, דער 'ו' אויף די לולב און די לעצטע ה' אויף די אתרוג.
נאך א רמז געבט דארט דער אר"י הק' אויף די ד' מינים אז עס ווייזט אויף די זיבן מידות, די דריי הדסים ווייזט אויף חסד, גבורה, תפארת, די צוויי ערבות אויף נצח והוד, דער לולב אויף יסוד און די אתרוג אויף מלכות.
איך האב געטראכט בדרך אפשר, אז מיט דער יסוד פון דער אר"י הק' און די ווערטער פון דעם מדרש קען מען פארשטיין דער יסוד פון די נענועים וואס מיר מאכן יעדן טאג סוכות.
דער סדר פון די נענועים איז דאך אז מ'מאכט הולכה והבאה, מען נעמט אוועק די לולב פון זיך און מען דערווייטערט עס פון זיך, און שפעטער ברענגט מען עס צוריק. עס ווערט שווער פארוואס טאקע פירט מען זיך אזוי? נאר דא ליגט א כוונה אז ווי מיר ווייסן דאך זענען נישט אלע זמנים ביי א איד גלייך. עס איז דא צייטן ווען ער איז נאנט צו הקב"ה און צייטן ווען ער שפירט זיך ווייט פון הקב"ה, און קעגן די צוויי צייטן איז מען מרמז ווען מען שאקלט די נענועים.
די צייט ווען מען דערווייטערט די לולב איז קעגן די צייט ווען הקב"ה איז נאנט צו אונז, אבער אז א איד זאל נישט מיינען אז דער רבוש"ע איז באמת ווייט פון אים שלעפט מען צוריק די לולב צו זיך, א רמז אז אויך אין די צייט ווען עס זעט זיך אויס אז מען איז ווייט פון הקב"ה זענען מיר בעצם איינס מיט אים און מיר קענען זיך דערנענטערן צו אים, ווייל עס איז טאקע דא א הסתר פנים אבער בעצם זענען מיר איינס מיט הקב"ה און ווי עס איז דער מאמר התנא (עדיות ה, ז) מעשיך יקרבוך ומעשיך ירחקוך.
דער מנהג איז אז מ'שאקלט דריי מאל אויף יעדער זייט. אויך דאס קומט ווייזן פאר דער איד א דרך אין עבודת ה' אז מיט דריי מאל ווערט א חזקה אויף די זאך.
אויך דאס איז א רמז אז ווען א איד געפינט זיך אין א מצב פון הסתר, אז אין אזא צייט, זאל דער איד זיך נישט מייאש זיין ממידת הרחמים, אז אפילו אז ער שפירט נישט גארנישט, זאל ער ווייטער ממשיך זיין מיט זיין עבודה און ווייטער שאקלען און שאקלען ביז ער וועט אנקומען צו שפירן די קירבה.
אין אזא צייט ווען א איד איז ליידער אין א מצב פון הסתרה, זוכט דער יצר הרע נאר אראפצושלעפן דעם מענטש נידריגער. ער וויל גורם זיין אז דער מענטש זאל זיין איבערגעצייגט ביי זיך אז ער טוט גארנישט אויף, אבער דאס איז א טעות, נאר דער מענטש זאל זיך אנהאלטן אין הקב"ה אין יעדן מצב און זיך מער און מער דערנענטערן צו הקב"ה, ביז ווען ער וועט זוכה זיין און שפירן די הארה בשלימות.
אויך דער סדר הנענועים ווייזט אויף דעם. דער סדר איז אז מ'שאקלט אויף אלע פיר זייטן און אויך אין איר ליגט באהאלטן מערערע פארבארגענע כוונות אבער מען קען עס מסביר זיין אויף דעם מהלך.
דער סדר איז אז דער איד שטייט מיט'ן פנים צו מזרח און שאקלט מיט'ן סדר פון דרום, צפון, מזרח, אויף אויבן, אויף אונטן און צום לעצט אויף מערב זייט.
כידוע איז דער רעכטער זייט מרמז אויף די מידה פון חסד, אויף די מידה פון אברהם אבינו וואס האט געדינט הקב"ה מיט אהבה. די לינקע זייט איז מרמז אויף די מידה פון גבורה, די מידה פון יצחק אבינו. שפעטער שאקלט מען אינמיטן, אויף די ממוצע, צו ווייזן אויף די מידה פון יעקב אבינו.
דאס איז א רמז אז ווען מ'דינט הקב"ה זאל מען אים דינען מיט ביידע בחינות סיי מיט חסד און סיי מיט גבורה, אדער בדרך העבודה אז מען זאל דינען הקב"ה מיט חסד און מיט יראה.
די בחינה איז מרומז אין די נענועים. ווען מען שאקלט שטייט דער מענטש צו מזרח, א רמז אז ער דינט הקב"ה, און דאס איז א רמז אז ער זאל דינען הקב"ה מיט ביידע מידות.
נאך דעם שאקלט מען אויף ארויף, קעגן די מידה פון נצח, די מידה פון משה רבינו, מרמז צו זיין אז א איד איז נצחי, אז די תורה איז נצחי. מען שאקלט אויף ארויף מרמז צו זיין אז א איד וואס איז עוסק בתורה גייט מעלה מעלה.
שפעטער שאקלט מען אויף אראפ, דאס איז קעגן די מידה פון הוד, די מידה פון אהרן הכהן, דער אוהב שלום ורודף שלום.
מען שאקלט אויף אראפ מרמז צו זיין אז א איד וואס וויל שלום דארף זיך קענען מכניע זיין און זיך אראפלאזן, ווייל דאס ברענגט שלום פאר די וועלט.
די לעצטע נענועים איז צו מערב זייט, ביי איר האט מען אינזינען די מידה פון יוסף הצדיק, די מידה פון יסוד, פון קדושה.
ביי די נענועים דרייט מען זיך אויס צו די צווייטע זייט, א רמז אז ווען א איד וויל זיך מקדש זיין מוז ער זיך אויסדרייען און צומאכן די אויגן, א צייכן אז ער וויל נישט זען קיין שום דבר אסור, אז נאר אזוי, ווען ער דרייט זיך אוועק פון די וועלט איז מען זוכה צו קדושה וטהרה.
כללו של דבר, די נענועים ווערט געמאכט צו אלע זייטן, ווייל יעדער זייט ווייזט אויף עפעס אנדערש, יעדער זייט לערנט אונז אויס נאך א דרך אין עבודת ה', און ווייל די שלימות פון די עבודה איז נאר ווען מען דינט הקב"ה אויף אלע זייטן, מיט אלע בחינות, פראוועט מען אזא סארט עבודה אין די הייליגע טעג, אז די עבודה זאל אריינגיין אין אונז בשלימות.
זאל הקב"ה העלפן אז די הייליגע טעג און די הייליגע מצוה זאל משפיע זיין אויף יעדער איד שפע רב, און מען זאל זוכה זיין קונה צו זיין די הייליגע און די לעכטיגע שפע וואס די מצוה איז משפיע און זיך מקדש זיין דורך איר און ממשיך זיין די השפעות אויף א גאנץ יאר, אז עס זאל אריינגיין אין אונז און בלייבן מיט אונז אויף אייביג.



טיב ההשגחה

# מעשיות אויף השגחה פרטית

## געשריבן דורך לייענערס

## מער 'הודאה' – מער שפע

פאר לאנגע יארן איז מיין לעבן געגאנגען געשמירט, איך האב פארדינט שיין געלט, אויך מיין פרוי וואס האט געארבעט האט געלייזט שיין געלט, איך בין נישט געווען קיין עושר, אבער איך האב געלייזט שיין און גענוג, אז איך זאל קענען מאכן א בכבוד'דיגע לעבן.

אין יענע יארן איז מיר נישט איינגעפאלן אז מען דארף דאנקען אויף איר, איך האב עס אנגעקוקט ווי א נאטירליכע זאך.

ווען זאכן האבן אנגעהויבן גיין קרום, מען האט אפגעזאגט מיין פרוי פון די ארבעט, די געלט קראן האט זיך אפגעשטעלט, האב איך אנגעהויבן באגרייפן די מזל וואס איך האב געהאט ביז היינט און ווי ווייניג איך האב געדאנקט הקב"ה ביז יעצט.

איך האב זיך געשטעלט און געבעטן אז הקב"ה זאל מיר פארגעבן פאר די זינד אז איך האב נישט גענוג געדאנקט ביז היינט און זיך פארגענומען אז פון היינט און ווייטער וועל איך דאנקען הקב"ה מער.

עס איז אנגעקומען ענדע פון די חודש, איך האב געהאט אסאך פעימענטס צו צאלן, די גאז בילס, די לעקטער, און מיינע קעשענעס זענען געווען ליידיג.

איך האב מתפלל געווען לקל חי אז ער זאל מיר העלפן, און אויך אנגעהויבן טון השתדלות פאר דעם.

עס האט נישט געדויערט לאנג, נאך יענער טאג, באקום איך א טעלעפאן־רוף פון אן אקאונטענט, דער איד זאגט מיר אז איך האב אמאל געארבעט דארט און לויט'ן חשבון איז מיר די פירמע שולדיג אסאך געלט, די סומע פון 05 טויזנט שקל.

דער אקאונטענט האט מיר געפרעגט צי איך בין גרייט אז זיי זאלן עס איינטיילן אין פעימענטס. נאכ'ן מאכן דער חשבון איז אויסגעקומען אז עס איז יעדע פעימענט איז די גענויע סומע וויפיל עס פלעגט באטרעפן די מאנאטליכע געהאלט פון מיין פרוי.

נאך ביז היינט ווייס איך נישט וואס האט צוגעברענגט אז דער בעל הבית זאל נישטערן אין זיינע דאקומענטן, אבער איך האב דא געזען א קלארע יד ה' אז ער האט זיך פלוצלונג דערמאנט פון דעם אלטן חוב און מיר אפגעגעבן די סומע.

איבריג צו זאגן אז איך האב פארמערט מיין הודאה לה' און געזען א גרויסע שפע אין איר.

[דערציילט דורך דער בעל המעשה: ה.ר.]

די פאראינטערעסירטע צו מיט טיילן מזכה זיין את הרבים מיט מעשיות פון השגחה פרטית זאל שיקן צו ר' שמחה סמואלס אין פקס: 15326517922

# טיב המעשיות

# וּפְרֹשׂ עָלֵינוּ סֻכַּת שְׁלוֹמֶךָ

**וועט עס ווערט אויסגעשפרייט איבער אונז דער הייליגער יו"ט סוכות, זמן שמחתנו, קומען מיר דא מיט א ברכה צו מורינו ורבינו הרב הצדיק שליט"א, פאר זיינע קינדער און הויזגעזונד, און פאר אלע חברי הקהילה, תלמידים נאמנים חברים מקשיבים, און פאר גאנץ כלל ישראל – האט א כשר'ע און פרייליכע יום טוב! און אינגיכן זאלן מיר זוכה זיין צום סוכת עורו של לויתן, בביאת משיח צדקנו במהרה בימינו, אמן.**

## סוכה

### מוותר געווען אויף זיין סוכה וואס האט געשטערט פארן שכן – באקומען א הערליכע דירה מיט ריזן סוכה!

פאר אַן אייניקל פון הגאון הצדיק רבי חיים ברים זצ"ל, וועלכער איז א חשוב'ער תלמיד חכם אין די הייליגע שטאט ירושלים תבנה ותכונן במהרה בימינו, איז זייער שווער געווען יעדן יאר מיטן טרעפן א פאסיגע און לייכטע פלאץ אויפצושטעלן די הייליגע סוכה. א סוכה־באלקאן האט ער נישט פארמאגט ביי אים אינדערהיים, און אזוי פלעגט ער זיך מוטשען צוזאמען מיט זיין הויזגעזינד יעדן יאר, פראבירנדיג טרעפן א שיינעם פלאץ פאר זייער סוכה.

איין יאר האט ער באשלאסן צו בויען די סוכה איבער שטאנגען אזוי ווי עס איז זייער גאנגבאר היינטיגע צייטן. כדי עס אויפצושטעלן האט ער אויפגעשטעלט אויפן ערד פונעם הויף, צוויי שטארקע אייזערנע שטאנגען, וועלכע בלייבן באפעסטיגט אויף זייער ארט דורכאויס דעם גאנצן יאר, און אינעם יו"ט סוכות שטייט דערויף די סוכה, בלויז פאר די טעג פונעם יו"ט זעלבסט.

אבער, ווען איינער פון די שכנים האט דאס געזען, האט ער זיי נישט פארגינען, און ער האט נישט צוגעשטימט דערצו, אזוי ווי עס קען זיך ליידער טרעפן צווישן שכנים... ער האט גע'טענה'ט אז די שטאנגען וואס שטייען אזוי אין די ווינקלען פונעם הויף מאכן אז דער הויף זאל נישט אויסזען שיין, און ער האט ערקלערט, "די סביבה זעט נישט אויס שיין ווען אייזערנע שטאנגען געפינען זיך דא און דארט"...

אין אנהייב האט דער יונגערמאן פראבירט איבערבעטן דעם שכן מיט פארשידענע וועגן. אויך איז ארויפגעברענגט געווארן א הצעה אז מען וועט איינפלאנצן שיינע ביימעלעך ארום די שטאנגען, און אזוי וועט עס אויסזען זייער שיין. – דער שכן האט זיך אבער נישט געלאזט בעטן, "די שטאנגען זענען דא אומגעוואונטשן אין אונזער הויף! זייט זיך ווייטער מסדר אום סוכות פונקט ווי איר האט זיך [נישט] מסדר געווען אלע יארן"!

אלע אנדערע שכנים האבן געזאגט אז דאס איז נישט ריכטיג, און האבן ערקלערט אז די שטאנגען זעען בכלל נישט אויס עקלדיג, און מען קען עס נאך אפילו אויסנוצן צו פארשענערן דעם הויף.

אבער טראצדעם וואס יעדער איינער האט געזאגט אז מען קען אוועקשטעלן די שטאנגען, האט ער זיך נישט געוואלט 'אנהייבן' מיטן שכן, און אים דערצערנען חלילה. ער האט זיך פראבירט בעטן ביי אים אז ער זאל כאטש מסכים געווען פאר בלויז דעם יאר, און זיי לאזן עס נוצן נאר פאר דער יו"ט סוכות וואס שטייט ביים שוועל, און גלייך נאך יו"ט וועט ער עס ארויסנעמען. – אבער אויך דערצו האט דער שכן בשום אופן נישט מסכים געווען!

דער יונגערמאן האט באשטעלט עטליכע ארבעטער, וועלכע האבן צונומען די שטאנגען וועלכע זענען געבויט געווארן פאר גרויס געלט און מיט אסאך כוחות, און אלעס איז געווארן צוריק אזוי ווי פריער. – צו זיינע חברים און ידידים וועלכע האבן זיך געוואונדערט דערויף, האט ער געזאגט: "כְּשֵׁם שֶׁקִּבַּלְתִּי שְׂכַר עַל הַדְּרִישָׁה, כָּךְ אֲקַבֵּל שְׂכַר עַל הַפְּרִישָׁה"!

יעדער האט אים געזאגט אז ער האט זיך נישט געדארפט וויסנדיג מאכן פון יענעם שכן. אויך זיינע עלטערן און זיין שווער און שוויגער, האבן אלע באשולדיגט דעם שכן און זיין אומפארגינערישקייט... אבער ער האט אלץ איבערגע'חזר'ט זיינע זעלבע ווערטער: מיט שכנים הייבט מען זיך נישט אן!

אין יענע תקופה, האט איינער פון די גוטע פריינד פון הגה"צ רבי חיים ברים געהערט דערוועגן, און ער האט זיך אפגערעדט פאר רבי חיים איבער זיין אייניקל, ערקלערנדיג ווי ער לאזט זיך פון זיין שכן, און איז נישט גענוג שטארק ביי זיך, ווייל ער וואלט זיך נישט געדארפט 'לאזן' פון איין אומפארגינערישע שכן...

רבי חיים אבער, פון זיין זייט, איז געווען מלא שמחה דערויף, און ער האט געזאגט צו אים מיט גרויס באגייסטערונג: "וויסן זאלסטו, מיין אייניקל האט מיר פארשאפט גרויס נחת, און איך בין פול מיט שמחה אויף זיין דאזיגן פירונג, און אזוי פאסט זיך פאר א אידיש קינד! מוותר זיין, מוותר זיין און נאכאמאל מוותר זיין! אויך ווען 'משורת הדין' איז נישטא קיין חיוב צו מוותר זיין"...

א קורצע צייט נאך אט די מעשה איז פארגעקומען, האט אים השם יתברך בהשגחה פרטית צוגעשטעלט א גרויסע און ברייטע דירה, וואס עס איז אים געלונגען צו אפקויפן פאר א גוטן פרייז און מיט גרינגע באצאלונגען, און דער עיקר – אז עס האט געהאט א ריזיגע סוכה!

דאס לערנט אונז, אז פון מוותר זיין דערלייגט מען נישט!!!

•••

### מוותר געווען אויפן פלאץ פון די סוכה – וואס האט געראטעוועט א לעבן

די פאלגדע וואונדערליכע מעשה איז געשען צוריק מיט א צאל יארן, אינעם קרית היובל געגנט דא אין ירושלים עיר הקודש תובב"א, וואס וויבאלד עס איז אריגינעל געווען א געגנט פון 'פרייע' אידן, זענען דארט נישט געבויט געווארן קיין 'סוכה באלקאנען', און דערנאך וואס עס איז געווארן מער פרום און דאס מערהייט פון אירע איינוואוינער זענען יראים ושלמים, האט יעדער אנגעהויבן זוכן ערטער צו בויען א סוכה.

איינער פון די איינוואוינער פון געגנט, האט זיך 'מזרז' געווען עטליכע וואכן פאר יו"ט, און 'געכאפט' א פלאץ צו בויען זיין סוכה אין איינס פון די ווינקלען פון זיין הויף, און כדי צו היטן אויף זיין 'חזקה', האט ער אויפגעשטעלט זיין סוכה מיט אלע פיר ווענט, מיט גרויס מי און פלאג.

אויפצומארגנס, האט אים באגעגנט איינער פון די פרייע שכנים, וועלכער האט זיך גענומען טענה'ן מיט אים, אז דא איז פארבאטן צו בויען א סוכה! וויבאלד דער ארט איז באשטימט פאר א פארקינג פלאץ... "זיי מוחל, גיי צום אונטערשטן באדן וואס ציט זיך אונטערן בנין, און דארט קענסטו בויען דיין סוכה, אבער דא זאלסטו נישט פארכאפן דעם פארקינג לאט"!

אט די טענה איז געווען אומריכטיג און נישט יושר'דיג! יענער פלאץ האט קיינמאל נישט געדינט פאר פארקינג, נאר פונקט פארקערט, אונטערן בנין האבן געפארקט מער אויטאס ווי אין יענעם זייטיגן ווינקל. עס איז נישט געווען קיין שום צווייפל, אז די סוכה וועט קיינעם נישט שטערן, איבערהויפט נישט ווען עס שטייט דא בלויז פארן יו"ט סוכות.

אבער דער יונגערמאן האט זיך געוואנדן צו זיינע קינדער און ער האט געזאגט צו זיי: "די סוכה ווערט דאך אנגערופן "סוכת שלום", אזוי ווי מיר זאגן ביים דאווענען: "וּפְרֹשׂ עָלֵינוּ סֻכַּת שְׁלֹמֶךָ", דעריבער פאסט נישט אז די הייליגע סוכה זאל צוברענגען מחלוקת אפילו אויב עס איז נישט ריכטיג. אזא סוכה וואס טראגט אויף זיך א פאראיבל אינעם הארץ פון א איד, בין איך נישט מסכים צו זיצן אין איר אינעם הייליגן יו"ט"!

האט ער מיט זיינע קינדער נאכאמאל גענומען די ארבעטס־געצייג אין די הענט, און צונעמען דעם גאנצן סוכה וואס זיי האבן אויפגעשטעלט מיט אזויפיל פלאג, און עס אויפגעשטעלט פונדאסניי אין אן אנדער ארט אונטער בנין. – זיי האבן געארבעט דערויף א גאנצן טאג, אבער זענען פול געווען מיט שמחה, אז יעצט וועט שוין קיינער נישט האבן קיין פאראיבל אויף זייער סוכה.

אין איינס פון די נעכט פון סוכות, אינמיטן די נאכט, האט זיך פלוצלונג געהערט א שטארקן קול פון א מעכטיגן זעץ. די וועלכע זענען געשלאפן אין סוכה, האבן זיך אויפגעוועקט פונעם שטארקן זעץ וואס האט זיך געהערט ווי עפעס האט זיך צופלאצט. ארויסגייענדיג אינדרויסן צו זען וואס עס איז געשען, האבן זיי געזען אז אלעס ארום די סוכה זעט אויס אין ארדענונג, און זענען רואיג צוריקגעגאנגען שלאפן.

אויפצומארגנס אינדערפרי, ווען זיי זענען אויפגעשטאנען און געגאנגען דאווענען, זענען זיי דורכגעגאנגען דעם אריינגאנג פונעם בנין ביים פלאץ וואו זיי האבן געוואלט לייגן די סוכה, און באמערקט ווי עס ליגט דארט א ריזיגן שטיין, וועלכע איז געפאלן פונקט אינעם זעלבן ווינקל וואו זייער סוכה איז פריער געשטאנען!

מען האט אויסגעטראפן, אז נאנט צו זייער הויז איז געווען אן אלטע געביידע וואס מען האט געהאלטן אינמיטן איבערבויען, און פונקט אין יענעם נאכט זענען עטליכע גרויסע שטיינער ארויסגעפאלן פון דארט, און איינס פון זיי איז אריינגעפלויגן פונקט אין יענעם ווינקל.

אויב וואלט דער איד געבליבן פאר'עקש'נט און געלאזט זיין סוכה פונקט אין יענעם ווינקל, וואלט זיך עס געקענט טראגיש ענדיגן מיט עטליכע לוויות, רחמנא ליצלן! זיין לעבן און די לעבן פון זיינע זין זענען געראטעוועט געווארן בחסדי שמים, אין זכות פון דעם וואס ער האט מוותר געווען.

אבער דווקא דער אויטא פון יענעם שכן – וואס כדי צו ווייזן אז זיין טענה איז געווען גערעכט, האט ער אנגעהויבן עס צו פאַרקירן דווקא אין יענעם ווינקל, איז ווי צומאלן געווארן אונטערן ריזיגן שטיין, און איז געבליבן ווי א שטומער עדות אויפן ריזיגן נס וואס איז דא פארגעקומען...

•••

### מוותר געווען אויף א סוכה אינדערהיים – כדי דער שכן זאל האבן א באקוועמערע באלקאן!

א חשוב'ע און געהויבענע משפחה פון די בני ירושלים של מעלה, האט זוכה געווען אז אלע אירע קינדער זענען געוואלדיגע בעלי חסד. עס רעדט פון עטליכע ברידער וועלכע האבן אויפגעשטעלט א ריזיגע חסד ארגאניזאציע, און זענען אלע עוסק אין חסד מיט זייער גאנצע האר און זעל.

ווען איך האב באגעגנט איינעם פון די ברידער, האב איך אים געבעטן אז ער זאל מיר ערקלערן, וויאזוי איז דאס אזוי געווארן, אז זיי אלע האבן זוכה געווען אזוי צו שטייגן אין די מדה פון חסד? וואס האט זיי צוגעברענגט דערצו?

האט מיר דער איד דערציילט, אז דאס האבן זיי באקומען שוין פון גאר יונגערהייט ביי זייער טאטע אינדערהיים, וועלכער איז געווען אינגאנצן 'א שטיק חסד', און זיין גאנצע 'חיות' איז געווען צו פארמערן חסד ביי כלל ישראל! אט די אטמאספער האבן זיי באקומען אלץ קינד, אז מען דארף שטענדיג עוסק זיין אין חסד!

דערביי האט ער מיר דערציילט עטליכע עובדות, וועלכע האבן געוויזן ווי טיף און שטארק איז די מדה פון חסד געווען איינגעפירט ביי זייער טאטע אינדערהיים. – דא ווילן מיר ברענגען איינס פון זיי. און אזוי האט ער דערציילט:

זיי פלעגן וואוינען אין א זעקס־שטאקיגע געביידע. איין טאג האט דער שכן פונעם זעקסטן שטאק געוואלט צובויען א גרויסן באלקאן צו זיין דירה, אבער דאס איז אויסגעקומען פונקט העכער אונזער באלקאן, וואו מיר האבן געבויט אונזער סוכה יעדן יאר. דער שכן האט פארשטאנען, אז אויף דעם זייט, וואס וואלט פאר אים געווען די בעסטע פלאץ צו ארויסבויען זיין באלקאן, איז אוממעגליך עס צו טון, וויבאלד דערמיט וואלט ער צוגערויבט פון זיין אונטערשטן שכן דעם פלאץ וואו ער בויט שוין זיין סוכה פאר לאנגע יארן. דעריבער האט ער בלית ברירה מוותר געווען דערויף, און באשלאסן צו בויען דעם באלקאן אויפן אנדערן זייט, וואס איז אים נישט געווען באקוועם אבער אוודאי בעסער ווי גארנישט...

איין טאג, ווען אונזער טאטע איז אהיימגעקומען נאכן דאווענען שחרית, האט ער געזען ווי די ארבעטער זענען פארנומען מיט די ארבעט, און הייבן אן אויפצושטעלן די שטאנגען אונטערן בנין, ווען דער שכן פונעם זעקסטן שטאק ווייזט זיי אנצוקומען צום ריכטיגן ארט. ווען ער האט באמערקט מיין טאטן, האט ער אים פריינטליך באגריסט, און אים דערציילט אז ער בויט יעצט א נייעם באלקאן.

מיט זיין קלוגן פארשטאנד, האט דער טאטע גלייך געמאכט דעם חשבון, אז פון יענעם זייט פונעם בנין וועט דער באלקאן זיין זייער אומבאקוועם און האט אויך גלייך פארשטאנען די סיבה פארוואס דער שכן האט באשלאסן עס צו בויען דווקא אין יענעם זייט, כדי נישט צו צושטערן זיין סוכה...

איז ער גלייך צוגעגאנגען צום שכן, און אים געבעטן אז ער וויל זיך שוין יעצט זעצן מיט אים

המשך אין עמוד ד'

פאר א וויכטיגע שמועס! דער שכן האט נישט פארשטאנען פארוואס עס ברענט יעצט אזוי וויכטיג, אבער וויבאלד ער האט געקענט אונזער טאטע אלץ א גלייכער און ערליכער מענטש און אים שטארק געשעצט, איז ער געקומען צו אונז אינדערהיים און זיי האבן פריינטליך געשמועסט, און אינמיטן דעם שמועס האט דער טאטע געבעטן אז דער שכן זאל זאגן פארוואס ער בויט זיין באלקאן ביי די זייט וואס איז אזוי אומבאקוועם?

האט דער שכן געענטפערט: אויפן אנדערן זייט געפינט זיך דאך אייער באלקאן! איז וויאזוי זאל איך דען בויען מיין באלקאן העכער דעם?

דער טאטע האט עס אבער אוועקגעמאכט מיט די האנט: דאס איז דען א סיבה? כדי אז אונז זאל זיין באקוועם פאר זיבן טעג אין יאר, דארפסטו ליידן די גאנצע יאר? מיר וועלן זיך שוין מסדר זיין אינעם יו"ט סוכות... מיר וועלן אראפגיין אונטן אין הויף און דארט בויען אונזער סוכה, און דו וועסט אויפשטעלן דיין באלקאן אינעם פאסיגן ארט!

דער שכן איז געבליבן ערשטוינט און האט נישט געגלייבט דאס וואס ער הערט. ער איז זיכער געווען אז אזא זאך קומט נישט אין באטראכט... – "אבער איך האב שוין געמאכט אלע פלענער פארן אנדערן זייט, און מיין גאנצע ערלויבעניש צו בויען דעם באלקאן איז נאר אויפן אנדערן זייט", האט דער שכן געזאגט.

"נישט קיין פראבלעם"! האט מיין טאטע געזאגט. מיר וועלן ווארטן מיט די ארבעט נאך עטליכע חדשים... דו מאך יעצט א נייעם פלאן מיטן ארכיטעקט, און געב אן א פארלאנג צום שטאט־ראט [עיריה] עס צו טוישן, און אזוי וועסטו בויען דעם באלקאן אויפן פאסיגסטן ארט!

פון דעמאלטס, האט דער זון געענדיגט זיין דערציילונג, האבן מיר יעדן יאר געדארפט בויען די סוכה אונטן אין הויף, און זיך דערווייטערן ביזן עק פונעם חצר, כדי אונזער סוכה זאל נישט זיין אונטערן נייעם באלקאן פונעם זעקסטן שטאק... און אלעס כדי אז פארן שכן פון אויבן זאל זיין די באקוועמסטע באלקאן!

אט די מעשה האט אריינגעדרינגען אין אונזערע ביינער אלץ קינד, און אונז אויסגעלערנט א וויכטיגן יסוד אין די מדה פון חסד און אין אהבת ישראל!

# ארבעת המינים

זיך געאיבט מיטן נעמען די ד, מינים – איידער ער וועט ארויסגיין דערמיט צום קאמף!

הגאון הצדיק מגדולי ירושלים רבי זונדל סאלאנט זצ"ל איז באוואוסט געווען מיט זיין געוואלדיגע חביבות המצוות. איינמאל האט מען אים געפינען אין א טאג פון סוכות פארן עלות השחר, ווי ער האלט די ארבע מינים אין האנט און ער שאקלט דערמיט 'נענועים'.

האט מען אים געפרעגט: וואס שאקלט מען יעצט? – עס איז דאך נישט יעצט די צייט צו שאקלען, ווען עס איז נאך טונקל, און עס איז נאכנישט אנגעקומען דער עלות השחר?!

האט זיך רבי זונדל צושמייכל און ערקלערט: דאס זענען איבונגען! יעדער סאלדאט, איידער ער גייט ארויס אין קאמף, אויך נאכדעם וואס דער גאנצער מלחמה־פלאן איז שוין קלאר, מאכט ער נאך אלץ לעצט־מינוטיגע איבונגען, זיך צו צוגעוואוינען... אצינד, איידער איך נעם די 'מאני קרבא' אין האנט, און איך גיי ארויס דערמיט אפצושלאגן די פיינט, מאך איך די לעצטע צוגרייטונגען דערצו, מיט די וועגן [און כוונות] פון די מלחמה...

[און דער הייליגער מקור דערפון איז אין די תקוני הזוהר (דף כט.): "מָאנֵי קְרָבָא בִּימִינָא נַטְלִין לוֹן, וּבְאִלֵּין מָאנֵי קְרָבָא אִינוּן יִשְׂרָאֵל רְשִׁימִין דְּנָצְחִין דִּינָא וכו'", עיין שם].

אין אן אנדער געלעגנהייט האט מען געפינען פאר דער צדיק רבי זונדל, וואו ער קניט זיך און בוקט זיך ווי ביי שמונה עשרה, אינמיטן טאג, נישט אין דער צייט פון דאווענען, און דערביי האט ער זייער מדקדק געווען פונקטליך וויאזוי זיך צו קניען און בוקן, אזוי ווי עס ווערט ערקלערט אין די גמרא און אין שולחן ערוך (ברכות יב: טושו"ע או"ח קיג ו). – אויך דעמאלטס האט ער זיך אויסגעדרוקט אויפן זעלבן שטייגער, אז דערמיט גרייט ער זיך אזוי ווי דער סאלדאט וועלכער גרייט זיך נאכאמאל און נאכאמאל איידער ער גייט ארויס אין די מלחמה... אזוי ווי עס שטייט אין תרגום אונקלוס (בראשית מח, כב): "בְּחַרְבִּי וּבְקַשְׁתִּי – בִּצְלוֹתִי וּבְבָעוּתִי!".

# שמחת בית השואבה

דער ארעסט פארן רעש ביי שמחת בית השואבה – וואס איז צונישט געווארן דורכן מקפיד זיין אויף "תפילה בציבור„

אינעם גרויסן בית המדרש אין די שטאט 'קארלין', בצילא דמהימנותא פון הרה"ק דער 'בית אהרן' זצוק"ל, איז פארגעקומען אינעם יו"ט סוכות א 'שמחת בית השואבה' כדת וכדין! – דעמאלטס אזוי ווי היינט, האבן די קארלינער חסידים געטאנצט און זיך געפריידט מיט א געוואלדיגע שמחה, מיט פילע מוזיקאלישע אינסטרומענטן כדרכם בקודש.

עטליכע איינוואוינער פון שטאט וועלכע זענען געווען 'מתנגדים', און די וועגן און מנהגים פון די חסידים האט זיי נישט אלעמאל געפאֶלן, האבן אנגעגעבן א קלאגע אינעם געריכט־הויז, איבער דער רעש און טומל וואס די חסידים מאכן יעדן אוונט אין זייער בית המדרש.

אויפצומארגנס, גלייך נאכן דאווענען, האט א גרופע פאליציאנטן זיך אריינגעבראכן אין בית המדרש, מיט אן ארעסט־באפעל פארן 'הויכע ראבינער', דאס מיינט דער הייליגער רבי זעלבסט! וועלכער איז גענומען געווארן דורך זיי אין ארעסט, צום גרויס צער פון די חסידים, כדי אים צו שטעלן צום געריכט.

דער הייליגער רבי איז געבליבן אינגאנצן רואיג, און זיך נישט געשטערט פונעם שמחת יו"ט. זעענדיג ווי די שטוב מענטשן און די משמשים באגלייטן אים מיט טרערן און זענען זייער צוגעלייגט, האט ער זיך געווענדן צו זיי און מיט א שטארקע שטימע זיי געזאגט: מען טאר נישט זיין טרויעריג אינעם זמן שמחתינו! שטארקט אייך מיט בטחון און זייט בשמחה! און וויסן זאלט איר אז אלעס וועט ארויסקומען לטובה, וויבאלד מיר זענען דאך באשעפטיגט מיט שמחה של מצוה"!

אום צום סוף האט דער צדיק צוגעגעבן די פאלגנדע וואונדערליכע זאך: "נאך היינט וועל איך צוריקקומען בעזרת השם צו תפילת מנחה אינעם בית המדרש הגדול"!

יעדער האט געהערט און זיך געוואונדערט – וויאזוי איז דאס מעגליך? – ווייל לויטן סדר וויאזוי אזא זאך איז צוגעגאנגען אין יענע צייטן, איז דאס בכלל נישט געווען מעגליך, וויבאלד ביז מען וועט אים רופן צום משפט און ביז דער שופט וועט ארויסגעבן זיין 'פסק' וואלט שוין געדארפט געדויערן וויינינגסטנס עטליכע טעג! און מנחה וועט מען דאך דאווענען בלויז אין עטליכע שעה ארום...

אבער צום גרויסן וואונדער פון יעדן איינעם, ווען מען איז אריינגעקומען צו מנחה אין בית המדרש, איז דער רבי פלוצלונג אנגעקומען מיטן פולסטן פראכט, צו דאווענען מיטן עולם בציבור... מען האט שפעטער אויסגעפינען, אז ווי נאר מען האט אים געשטעלט צום משפט, האט דער רבי ערקלערט בטוב טעם ודעת איבער די מצוה פון שמחה אינעם זמן שמחתינו, און האט זיי געגעבן צו פארשטיין אז אזוי איז איינגעפירט אין אלע אידישע קהילות אינעם הייליגן יום טוב סוכות.

דער שופט איז זייער באגייסטערט געווארן פון זיינע ווערטער, און אים גלייך באפרייט מיט גרויס כבוד לביתו נאוה קודש, און דאס גאנצע טענה קעגן דעם קארלינער הויף איז צונישט געווארן!

נאכן דאווענען האט דער הייליגער צדיק געזאגט: "פון אייביג אן האב איך קיינמאל נישט פארפעלט קיין תפילה בציבור! – איך בין געווען פארזיכערט מיטן חסד פון השי"ת, אז אויך יעצט וועל איך נישט פארפעלן צו דאווענען מנחה בציבור...

# שמחת תורה

דעם הערליכן געזאנג פון הגאון רבי ברוך בער זצוק„ל אום שמחת תורה

מרן הגאון הצדיק רבי ברוך בער זצוק"ל בעל 'ברכת שמואל' פון קאמעניץ, איז געווען איינער פון די גרויסע תלמידים פון מרן הגר"ח זצוק"ל מבריסק, און איז געווען דבוק אין זיין רבי'ן מיט זיין גאנצן זעל. אויך נאך די הסתלקות פון זיין רבי, איז זיין הייליג געשטאלט געווען אויסגעקריצט אויפן טאוול פון זיין הארץ!

רבי ברוך בער איז באוואוסט געווען אלץ געוואלדיגער בעל רגש, און האט זייער ליב געהאט צו זינגען. עד היום זענען דא פילע ניגונים וואס זענען אנגענומען אין בית קאמעניץ און זענען געשאפן געווארן דורכן פראכטפולן קאמעניצער ישיבה אין ליטא, און טייל פון זיי זענען צוזאמגעשטעלט געווארן דורך רבי ברוך בער זעלבסט.

איין יאר, אינמיטן דעם הייליגן יו"ט 'שמחת תורה', איז רבי ברוך בער געשטאנען אינעם היכל הישיבה הקדושה, און געזינגען זיינע וואונדערליכע ניגונים מיט א געוואלדיגע דביקות כדרכו בקודש, און דאס געזאנג איז געווען אזוי שטארק, אז די בני הישיבה זענען ארויסגעגאנגען מיט א געוואלדיגע התפעלות פון גרויס שמחה און אהבת התורה וואס רבי ברוך בער האט משפיע געווען אויף זיי ברוב קדושתו.

נאכן דאווענען, ווען קהל איז דורכגעגאנגען אין פארנט פון רבי ברוך בער זיך צו וואונטשן לכבוד יו"ט, איז געווען א איד צווישן זיי וועלכער האט זייער הנאה געהאט פונעם ראש ישיבה'ס געזאנג ביי די הקפות, און ער האט זיך ארויסגעדרוקט צו אים: מיט איין זאך זענט איר גרעסער ווי אייער גרויסער רבי'ן, רבי חיים! – מיטן זינגען! ווייל רבי חיים האט נישט געקענט אזוי שיין זינגען"!

ווען רבי ברוך בער איז אהיימגעקומען צו די יו"ט'דיגע סעודה, איז ער געווען זייער צושטורעמט און זיין שמחה איז צושטערט געווארן, צוליב אט די 'קאמפלימענט' וואס דער איד האט אים געזאגט, און ער האט ערקלערט: וויאזוי איז דען מעגליך, אז איך פארמאג עפעס א מעלה וואס מיין הייליגער רבי האט נישט געהאט? דאס איז דאך אוממעגליך, ווייל ממש מיט יעדער זאך איז דער רבי געווען גרעסער ווי מיר! – האט זיך רבי ברוך בער געוואונדערט.

אזוי האט ער זיך פארזינקען אין זיינע געדאנקען, און איז נישט געווען אימשטאנד צו צוגיין צום סעודת יום טוב, ביז עס וועט געפינען ווערן אן ענטשיידונג דערצו. פלוצלונג האט ער זיך אויפגעכאפט פון זיינע מחשבות מיט גרויס שמחה, און מיט זיין באקאנטע חריפות האט ער זיך אנגערופן: דער חכם מכל אדם איז דאך מעיד (קהלת ז, כ): "כִּי אָדָם אֵין צַדִּיק בָּאָרֶץ, אֲשֶׁר יַעֲשֶׂה טּוֹב וְלֹא יֶחֱטָא". – 'חטא' איז א לשון פון חסרון – עס איז נישטא קיין שלימות אויף דער וועלט! און דעריבער מוז זיין אז אפילו ביים גרעסטן שלימות אויף דער וועלט, וועט זיין עפעס א חסרון.

און לכאורה איז דאך רבינו הקדוש הגר"ח געווען דער שפיץ פון שלימות! וואספארא חסרון האט ער דען חלילה געהאט? עס איז דאך געווען "תּוֹרַת אֱמֶת הָיְתָה בְּפִיהוּ, וְעַוְלָה לֹא נִמְצָא בִשְׂפָתָיו, בְּשָׁלוֹם וּבְמִישׁוֹר הָלַךְ, וְרַבִּים הֵשִׁיב מֵעָוֹן"! (מלאכי ב ו). – נאר, ברוך השם אז דער איינציגסטער חסרון וואס מען האט געפינען אינעם רבי'ן איז געווען דאס וואס ער האט נישט געזינגען אזוי שיין... און די מעלה וואס מען האט געפינען אין מיר אנטקעגן אים, איז אז איך זינג יא שיין!...

[אבער ביי חסידים האט מען געגלייבט, אז יעדע ברכה וואס געפינט זיך אינעם תלמיד, קומט אלעמאל בהמשכה פון די ברכה פון זיין רבי, וואס ער איז דער 'צינור' צו אריבערפירן יעדן השפעה צו אים! – און אפילו א ספעציעלע מעלה וואס דער תלמיד פארמאגט און דער רבי האט עס נישט, האט עס דער רבי ממשיך געווען צו זיין תלמיד דורכדעם וואס ער איז מקושר און באהאפטן אין אים, וויבאלד דער יסוד און שורש פון זיין נשמה ווערט געבענטשט אין יעדן זאך בלויז דורך די ברכה פונעם צדיק, והדברים עתיקין].

די ספעציעלע טעלעפאן ליניע צו באשטעלן די ספרים פון 'מכון טיב'
פון הגה"צ רבי גמליאל הכהן רבינוביץ שליט"א
0733-22-76-09 קלינגט אריין באשטעלט דעליווערי פריי פון אפצאל - ביז צו אייער שטוב!